# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו"ר מקאסוב זצ"ל**

חג הפסח
שנת תשפ"ה

גליון כ"ז


## קַדְּשֵׁנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ (א)

### די מצוות זענען געמאכט צו דערהייבן דעם גוף

וואו קומט דער גוף אריין ביי אונזערע רוחניות'דיגע מצוות? | **פארוואס קען מען נישט יוצא זיין אן מקיים זיין די פרטי פרטים פון א מצוה?** | אונזערע מצוות זענען נאר א משל | **די אמת'ע מצוה שפילט זיך בעצם אפ אין די עולמות העליונים** | א מצוה איז ווי א בילד | **ווי מער פרטים, אלץ פינקטליכער** | דער שטן ציטערט ווען א מצוה ווערט אויסגעפירט בשלימות | **א מצוה בשלימות שאקלט אלע וועלטן** | דער עיקר ציל פון דער מצוה איז עס אויסצופירן בגופו ממש | **פארוואס האבן צדיקים דווקא געוואלט עוסק זיין אין די מצוות מיט זייער גוף?** | איז דען נישט סאך בעסער צו זיין אויבן אין הימל ווי מקיים זיין מצוות דא אונטן? | **דער עיקר תכלית פון דער מצוה איז צו דערהייבן דעם גוף**

## אריינפיר

מיר האבן אויסגעשמועסט אין די פארגאנגענע פאר גליונות אז דער עיקר עבודה פון א איד איז צו נעמען דעם תענוג וואס מען זעט אין גשמיות, און עס ארויפברענגען צו א רוחניות'דיגן שטאפל, און דערמיט באקומען א טעם אין א תענוג רוחני. יעצט וועלן מיר זיך אביסל מער פארטיפן אין דעם ענין פון די תרי"ג מצוות מיט וואס דער אויבערשטער האט אונז געהייליגט, און ארויסברענגען אז דאס איז בעיקר געמאכט צו באהעפטן אונזער גוף צום אויבערשטן, און במשך די קומענדיגע גליונות וועלן מיר ארויסברענגען אז טאקע דורך די מצוות וואס מיר האבן באקומען אין דער תורה הקדושה קען מען אנהייבן שפירן וואס דאס הייסט א תענוג רוחני.

א

## רוחניות'דיגע מצוות ווערן אויסגעפירט בגשמיות

### רוב מצוות האבן א דירעקטע שייכות מיט'ן גוף

עס איז א דבר פשוט אז דער הויפט ציל וואס מיר האבן ביים מקיים זיין מצוות, איז בלויז דאס – צו ווערן נענטער צום אויבערשטן. אבער אז מען טראכט אריין, זעט מען אז **רוב מצוות האבן א דירעקטע שייכות מיט'ן גוף און לאו דווקא מיט דער נשמה.** למשל, עס קומט שבת קודש, א הייליגער טאג, א 'יומא דנשמתא' וואס די נשמה ווערט זייער דערהויבן, האט דער אויבערשטער געגעבן א מצוה אז יעדער איד דארף מאכן קידוש און הייליגן דעם טאג.

די מצוה פון קידוש איז דווקא אויף א בעכער וויין (תוספות פסחים קו. ד"ה זוכרהו), אדער בדיעבד אויף חלות (או"ח סי' ער"ב ס"ט). אזוי אויך זענען מיר מחויב צו מאכן סעודות און עסן גוטע מטעמים, און כאטש וואס מען זינגט זמירות שירות ותשבחות פאר'ן אויבערשטן, זעען מיר אבער אז דער חיוב פון עונג שבת איז בעיקר אויפ'ן גוף.

לכאורה איז דאס א גרויסער וואונדער, ווייל שבת איז דאך א הייליגער טאג וואס איז געמאכט פאר דער נשמה, איז **וואו קומט דא אריין פיש און פלייש, חלות און וויין?** עס איז דאך א טאג פאר דער נשמה, וואס פארשטייט נישט צו קיין וויין. אזוי אויך עונג שבת וואלט ענדערש געפאסט אז דאס זאל זיין נאר מיט זמירות און דברי תורה און שירות ותשבחות, פארוואס איז דער גוף אזא גרויסער מחותן דא?

### וואו קומט דער גוף אריין דא?

די זעלבע זאך ווען עס קומט א יום טוב. ווען מיר פראווען דעם הייליגן יום טוב פסח, אזא דערהויבענע צייט ווען כלל ישראל צייכנט אפ די אויסטערלישע ניסים פון יציאת מצרים, איז די מצוה אויך געוואנדן צום גוף. די תורה באפעלט אונז צו נעמען א שעפסל, עס שעכטן און בראטן, און עסן מיט דער גאנצער פאמיליע אינאיינעם.

און אפילו היינט ווען מיר האבן נישט קיין בית המקדש, האבן מיר ווייטער א מצוה צו עסן מצות און טרינקען פיר כוסות וויין און עסן א ברייטע סעודה אזויווי עס פאסט פאר בני חורין.

אין אזא דערהויבענעם טאג וואלט לכאורה מער געפאסט מקדיש צו זיין כולו לה',

> **שבת איז דאך א הייליגער טאג וואס איז געמאכט פאר דער נשמה, איז וואו קומט דא אריין פיש און פלייש, חלות און וויין?**

דערהייבן די נשמה, זינגען הלל, דערציילן סיפור יציאת מצרים, זאגן דברי תורה און שירות ותשבחות, אא"וו. אלע אידן טוען דאס טאקע, וויבאלד דאס איז אויך למעשה פון די מצוות הלילה, אבער פארט איז דאס אליין נישט גענוג, און דער עיקר יום טוב דרייט זיך מער ארום די מצוות וואס האבן צוטון מיט'ן גוף, ווי די מצה, דער מרור, דאס וויין, זיך אנלאנען וכדומה, אפגערעדט אז אין די צייטן פונעם בית המקדש איז דער סאמע עיקר פונעם יום טוב געווען דאס עסן דעם געבראטענעם קרבן.

פרעגט זיך ווייטער די מורא'דיגע קשיא, **וואו קומט דא דער גוף אריין**, אז ער שפילט אזא וויכטיגע ראלע אין די מצוות היום?

די זעלבע אויך סוכות, ווען מיר מאכן א זכר צו די ענני הכבוד מיט וואס דער אויבערשטער האט אונז באשיצט אין מדבר ארויסגייענדיג פון מצרים, איז דא א מצוה צו נעמען א לולב, אתרוג, הדסים און ערבות, און מיט דעם זיך פרייען פאר'ן אויבערשטן. אזוי אויך דארף יעדער איד בויען א סוכה וואו ער זאל עסן און טרינקען און שלאפן פאר זיבן טעג. דאס זענען אלעס גשמיות'דיגע פעולות וואס מיט דעם טוט מען די מצוות היום און מען פראוועט דעם הייליגן טאג.

אויך רוב טאג-טעגליכע מצוות זענען מיר מקיים מיט פיזישע פעולות, ווי למשל ציצית, תפילין אא"וו.

קומען מיר צוריק צו דער זעלבער פראגע פון פריער, **פארוואס דרייט זיך אידישקייט אזויפיל ארום די מצוות מעשיות**, ווי איידער ארום העכערע ענינים פון מחשבה, התבוננות און כוונה? פארוואס מוז מען דווקא טון פיזישע פעולות כדי יוצא צו זיין די אלע מצוות?

## וואס מאכט א נפקא מינה די אלע פרטים ודקדוקים?

אפילו מיר וועלן אננעמען אן קיין פארשטאנד אז דער עיקר נחת רוח האט דער אויבערשטער פון דעם אז מען איז מקיים זיינע מצוות דווקא מיט גשמיות'דיגע זאכן וואס געהערן פאר'ן גוף, דארף מען נאך אלץ פארשטיין, פארוואס זענען דא אזויפיל פרטים און דקדוקים אין יעדער מצוה פינקטליך וויאזוי דאס דארף צו זיין? למשל, די מצוות דארפן זיין דווקא פון מעל און וואסער, מען דארף עסן א פינקטליכן שיעור, אין א געוויסער צייט. ווער רעדט נאך פון די ד' מינים, וועלכע האבן דאך א ים מיט הלכות געווני וויאזוי דער לולב דארף אויסקוקן, ווי הויך דאס דארף זיין און ווי לאנג די בלעטער דארפן זיין, און דער אתרוג טאר נישט האבן קיין פלעקן, עס טאר נישט פעלן דער פיטום אא"וו.

אזוי אויך די תפילין, וואס איז א צייכן פאר אידישע קינדער איינצוקריצן אין אונזער הארץ און מוח אז דער אויבערשטער האט אונז אויסגעלייזט פון מצרים, וואס מיט דעם ווערן מיר אנגעקנופט מיט'ן אויבערשטן. **דאס אליין אז מען ניצט א פיזישע זאך זיך מקשר צו זיין מיט'ן אויבערשטן איז שוין א פלא** אבער אויסערדעם איז דאך דא א געוואלד מיט הלכות וואס מיר האבן מקבל געווען פון משה רבינו וויאזוי עס דארף געמאכט ווערן: די ריבוע, די בתים, די שווארצע פארב, די רצועות אא"וו.

פרעגט זיך א קשיא, **וואס איז אזא נפקא מינה אויבן אין הימל, וואס איז כולו רוחניות, צי אונזער תפילין איז פונקט פיר-עקיג צי נישט?** וואס מאכט א חילוק צי די מצה איז געווען א כפולה אדער נישט?

אבער ניין, מען זעט קלאר אז די תורה האט שטארק מקפיד געווען גענוי וויאזוי יעדע מצוה זאל אויסקוקן, ביז די קלענסטע דעטאלן, און מיר טארן ח"ו זיך נישט רירן קיין האר פון וואס מיר האבן מקבל געווען. דארפן מיר אויב אזוי ארייניטראכטן, וואס איז דער באדייט דערפון, און וואס איז א חילוק אויבן אין הימל צי א מענטש מאכט זיין ציצית מיט תכלת פונעם חילזון, וואס דעמאלט איז דאס הייליג און ליכטיג, צי ער האט דאס געמאכט פון אן אנדערן מאטעריאל, וואס דעמאלט איז ער עתיד ליתן את הדין (ב"מ סא:)?

ב

# יעדער פרט פון א מצוה שאקלט וועלטן

## אונזערע מצוות זענען נאר א משל

כדי דאס צו פארשטיין, וועלן מיר מקדים זיין וואס חז"ל זאגן (ברכות ו.), אז דער אויבערשטער לייגט תפילין, און אויך אז דער אויבערשטער איז מקיים אלע מצוות פון דער תורה. ווי יעדער פארשטייט אליין מיינט דאס נישט כפשוטו, אז דער אויבערשטער טוט די זעלבע מצוות וואס מיר מענטשן טוען אויף דער וועלט, און אז כביכול ער נעמט א לולב און אתרוג אדער ער לייגט תפילין פון עור בהמה וכדומה, ווייל **דער אויבערשטער איז דאך כולו רוחני און עס איז נישט שייך ביי אים קיין שום גשמיות'דיגע מושגים.**

נאר יעדער בר דעת פארשטייט אז דער פשט דערפון איז ווי א משל לסבר את האוזן, און יעדער פארשטייט אז אלעס וואס מיר רעדן וואס עס טוט זיך אויבן אין הימל רעדט מען פון רוחניות'דיגע מושגים וואס מיר קענען ניטאמאל פארשטיין, און ווען די גמרא זאגט אז דער אויבערשטער לייגט תפילין איז דאס עפעס א רוחניות'דיגער מושג און 'געשעעניש' אין די עולמות עליונים, וואס האט אין זיך ממש דעם זעלבן ענין פון אונזערע תפילין וואס מיר לייגן אויף אונזער גשמיות'דיגן גוף.

יעצט לאמיר דאס נעמען א טריט ווייטער, און ערקלערן אז לויט ווי עס שטייט אין חסידישע ספרים, איז נישט פשט אז די עכטע מצוה איז דא אויף אונזער וועלט און די מצוה וואס שפילט זיך אפ אויבן אין הימל איז עפעס ענליך צו אונזער מצוה; נאר פארקערט, די אמת'ע מצוה איז דארט אין די עולמות עליונים, און כדי מיר, פשוט'ע מענטשן אויף דער גשמיות'דיגער וועלט, זאלן האבן עפעס אן אחיזה דערין, האט דער אויבערשטער באשאפן אויף דער וועלט עפעס א דמיון צו דעם, כדי מיר זאלן קענען עטוואס כאפן פון וואס עס רעדט זיך [זע תוספת נופך אות א'].

> **דער אויבערשטער האט אונז געהייליגט מיט 'זיינע' מצוות וואס 'ער' איז מקיים, דאס הייסט אז ווען מיר טוען א מצוה לייכט אויף אויבן אין הימל דער רוחניות'דיגער 'אור המצוה', וואס דאס איז די אמת'ע מציאות פון דער מצוה.**

## דורך די מצוות קענען מיר שפירן א תענוג רוחני

עס קומט אויס אז אין'אמת'ן איז יעדע מצוה א שטיק רוחניות'דיגע ליכטיגקייט, וואס קומט גלייך פונעם אור אין סוף, פונעם הייליגן באשעפער, און דאס **טוט אויף געוואלדיגע הויכע זאכן אין אלע העכערע וועלטן וואס זענען כולו רוחני.** אבער מענטשן אין א גשמיות'דיגער וועלט קענען נישט משיג זיין דעם געוואלדיגן אור, צוליב דעם וואס מיר לעבן אין א צמצום וואס הייסט 'גוף', און די סיבה פארוואס מיר לעבן אין א גוף איז אויך מיט א טיפערע כוונה, אז מיר זאלן עס דערנענטערן צום אויבערשטן.

כדי מיר זאלן קענען אויספירן די עבודה בשלימות במשך אונזערע לעבן און מעלה זיין דעם גוף צום רבונו של עולם, האט דער אויבערשטער אונז געגעבן די וואונדערליכע מתנה וואס הייסט תרי"ג מצוות, וואס אין זוהר הקדוש (יתרו פב:) ווערט עס אנגערופן תרי"ג עיטין, 'עצות', ווייל די אלע מצוות זענען נישט מער ווי עצות און מיטלען וויאזוי מיר זאלן קענען נעמען דעם גוף מיט אזוינע גשמיות'דיגע תענוגים און צוריק ארויפברענגען צום מקור התענוגים.

די מצוות האט דער אויבערשטער אונז געשאנקען, וועלנדיג אונז געבן א געלעגנהייט טועם צו זיין פון דעם רוחניות'דיגן אור פון דעם מקור התענוגים. דערפאר האט דער אויבערשטער ברוב רחמיו וחסדיו באשאפן די אורות פון די תרי"ג מצוות, כדי מיר זאלן קענען געבן פון דעם תענוג רוחני פאר אונזער גשמיות'דיגן גוף.

## אונזערע מצוות לייכטן אויף דעם אור המצוה אויבן

דאס איז אויך דער הסבר פארוואס מיר זאגן ביי ברכות המצוות: "אשר קדשנו במצוותיו וצונו". דאס ווארט 'במצוותיו' איז לכאורה איבריג, און מען וואלט געדארפט זאגן פשוט, "אשר קדשנו וצונו". שטייט אין פירוש הראב"ד לספר יצירה (פ"ב מ"א), אז **דער אויבערשטער האט אונז געהייליגט מיט 'זיינע' מצוות וואס 'ער' איז מקיים**, דאס הייסט אז ווען מיר טוען א מצוה לייכט אויף אויבן אין הימל דער רוחניות'דיגער 'אור המצוה', וואס דאס איז די אמת'ע מציאות פון דער מצוה.

מיט דעם הייבן מיר אן צו פארשטיין אז די גשמיות'דיגע חפצי המצוה, וואס מיר זענען באפוילן געווארן צו נעמען, איז נישט מער ווי א 'מיטל' וויאזוי זיך מקשר צו זיין מיט דעם אור אלוקי אויבן אין הימל, וואס לייכט פון דער מצוה – וואס דאס איז באמת די מצוה. נאר כדי מיר זאלן עס קענען באגרייפן לויט אונזער השגה, האט דער אויבערשטער אונז געגעבן די פינקטליכע אנווייזונגען וואס מיר

## וואס איז אזא נפקא מינה אויבן אין הימל, וואס איז כולו רוחניות, אויב אונזער תפילין איז פונקט פיר-עקיג אדער נישט? וואס מאכט א חילוק צי די מצה איז געווען א כפולה אדער נישט?

דארפן טון, צו נעמען א לולב, מצה, סוכה, תפילין אא"וו.

לויט ווי מיר שמועסן אז די מצוות וואס מיר זענען מקיים זענען א מיטל צוצוקומען צום עכטן אור פון דער מצוה, וואס דאס שיינט אין די עולמות עליונים, איז שווין גאנץ פארשטענדליך פארוואס מיר דארפן אזוי מקפיד זיין אויף יעדן פרט און פרט פון דער מצוה, בכל פרטיה ודקדוקיה, ווייל יעצט פארשטייען מיר אז פונקט פארקערט, דער עיקר אור פון דער מצוה איז ביים אויבערשטן, און מיר קענען נאר האבן א צוטריט דערצו דורך אונזערע גשמיות'דיגע פעולות. **אויב אזוי מוזן מיר אכטונג געבן עס צו טון מיט אלע פיטשעווקעס און קלייניגקייטן,** ווייל נאר אזוי שטעלט זיך אהער דאס ריכטיגע 'בילד' וויאזוי דאס לייכט אויבן אין הימל (עי' 'בת עין' לפסח ד"ה חכם מה הוא אומר; 'אגרא דכלה' ראה ד"ה את כל הדבר).

למשל, אז איינער עסט פסח ביינאכט מצה עשירה, וואס עס איז ארייגעמישט דערין פרוכט-זאפט אנשטאט וואסער, האט ער נישט יוצא געווען די מצוה. צי מיינט עס דען אז עפעס פעלט פיזיש אין דער מצה? פארקערט, עס האט גאר א בעסערן טעם... נאר דאס מיינט אז ווער עס עסט אזא מין מצה האט נישט אנגעצונדן דעם ריכטיגן אור המצוה אויבן אין הימל, און צוליב דעם האט עס נישט קיין שייכות מיט דער מצוה פון עסן מצה פסח ביינאכט.

ווען א איד טוט א מצוה לויט אלע פרטים און דקדוקים וואס די תורה פארלאנגט, מאלט ער אפ דאס ריכטיגע בילד וואס לייכט אויבן אין הימל פון דעם מורא'דיגן אור המצוה. אבער אויב עס פעלט איינער פון די פרטים, ווער רעדט נאך אויב עס איז ווייט פון דעם ריכטיגן אופן וויאזוי די תורה האט עס אוועקגעשטעלט, מיינט דאס אז אויבן אין הימל זעט מען נישט דעם אור וואס דארף יעצט אויפלייכטן אין אלע וועלטן.

## ווי מער דעטאלן, אלץ מער עכט

אונזערע מצוות זענען ווי א בילד וואס שפיגלט אפ דעם עכטן אור המצוה אין די עולמות עליונים. ווען א קינד מאלט אפ א בילד פון א מענטש, פארשטייט יעדער אז דאס בילד איז בכלל נישט קיין אמת'ער מענטש, עס קומט נאר פאָרשטעלן א מענטש. מיט דעם אלעם

איז דאס בילד ווייט פון פאָרשטעלן אן אמת'ן מענטש, ווייל עס פעלט די פינקטליכקייט פון דער צורה, נאר אויף א קינדערישן נוסח קוקט דאס אויך אויס ווי א מענטש.

ווען א וועלטס-מאלער, אבער, וועט אפמאלן א מענטש מיט אלע דעטאלן און אלע קנייטשן, **וועט דאס שוין סאך מער אויסקוקן ווי אן עכטער מענטש**, עד כדי כך אז פונדערווייטנס קען זיך לאזן דאכטן אז דאס איז א לעבעדיגער מענטש. אבער מיט דעם אלעם איז דאס אויך נאר א געמאלענער מענטש, וואס האט נישט באמת קיין רוח החיים אין זיך, נאר וואס דען, ער שטעלט זייער קלאר פאר דאס אמת'ע בילד.

## א קליין קנעפל – א ריזיגע פעולה

ווערן מיר דא געוואויר, אז יעדע מצוה וואס מיר טוען דא אונטן, אינעם עולם הגשמי, איז בעצם טאקע א קליינע זאך, א גשמיות'דיגע זאך, וואס א פשוט'ער מענטש קען נישט אנדייטן די גרויסקייט דערפון, אבער אט די קליינע זאך שאקלט אויבן הימלען!

דאס איז ווי א מענטש וואס קומט אריין אין א געביידע, און ער זעט אויף דער וואנט עפעס א קנעפל, גייט ער צו און גיט א דריק דאס קנעפל, און מיטאמאל קומען צולויפן עטליכע אנגעשעטעלטע און שרייען, "וואס טוסטו דא?! ביסט אראפ פון זינען?!" דער גאסט ווערט ערשטוינט און פרעגט מיט וואונדער: "וואס ווילט איר פון מיר? כ'האב סך הכל געקוועטשט א קנעפל, וואס שרייט איר אזוי?!"

זאגן זיי אים: "דו ווייסט נישט וואס דאס קנעפל איז. דא איז אינעווייניג א ריזיגער זאל וואו הויכע באאמטע פון אסאך גרויסע לענדער זיצן יעצט און דיסקוטירן וויכטיגע ענינים. דאס קנעפל וואס געפינט זיך דא אויף דער וואנט צינדט אן און לעשט אויס די לעקטער אינעם גרויסן זאל, און ווען דו האסט יעצט געגעבן א דרוק איז אויפאמאל געווארן חושך ואפילה אינעם גאנצן זאל..."

דער מענטש שטייט און שטוינט: **ער האט נישט געוואוסט וואס איין דרוק אויף א קנעפל קען אלץ אויפטון...**

דאס זענען די חפצי המצוה וואס מיר האבן דא אויף אונזער וועלט. דאס זענען קליינע קנעפלעך, וואס ווייזן בכלל נישט ארויס זייער וויכטיגקייט, אבער וואס זיי טוען אויף אין די העכערע וועלטן איז נישט צו באגרייפן. און

*די גאנצע פיזישע מעשה המצוה איז נאר א מיטל אראפצוברענגען דעם אמת'ן אור, וואס לייכט אויבן פון דער מצוה, און ווען די מצוה ווערט געטון בשלימות שיינט אויף קעגן דעם אויבן אין הימל די רוחניות'דיגע ליכטיגקייט מיט א שלימות.*

זייער כוח און קראפט האבן זיי נאר ווען זיי זענען אויסגעשטעלט פונקט ווי זיי דארפן צו זיין. **דער 'קאוד' דארף זיין פינקטליך**, און איין קליינער ריר נעמט אים שוין צו די גאנצע קראפט פון קענען אויפטון וואס ער דארף.

## יעדער קלענסטער פרט מאכט אויס וועלטן

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די גמרא זאגט (עירובין יג.) אז רבי ישמעאל האט געזאגט פאר רבי מאיר, וועלכער איז געווען א סופר: **"בני, הוי זהיר במלאכתך שמלאכתך מלאכת שמים היא, שמא אתה מחסר אות אחת או מייתר אות אחת נמצאת מחריב את העולם כולו"** – זאלסט זיין זייער געווארנט אין דיין ארבעט, ווייל דאס איז מלאכת שמים, און אויב דו פארפעלסט אדער דו לייגסט צו אפילו איין אות אין דער תורה קען דאס ח"ו חרוב מאכן די גאנצע וועלט.

א סופר זאל נישט מיינען אז ווען ער שרייבט אן אות אין א ספר תורה איז די חשיבות פונעם אות געוואנדן נאר אין דעם גשמיות'דיגן געשטעל און שיינקייט פונעם אות; ניין, **דאס איז א מלאכת שמים, דאס לייכט אויבן אין הימל.** אויב איז דאס געשריבן על פי הלכה, לייכטן אויף אלע וועלטן, און אויב חלילה לאזט ער אויס אפילו איין אות, אדער אפילו איין קוצו של יוד וואס איז אין דער תורה ניטאמאל קענטיג, זאל עס אויסזען ווי שיין עס זאל נאר זיין, מאכט דאס אבער חרוב וועלטן, ווייל דאס איז גורם אז דער אור אויבן אין הימל זאל זיין פעלערהאפטיג ח"ו.

און פארשטייט זיך אז דאס איז אויך געזאגט געווארן אויף גוטס, אז ווען א איד איז מהדר אין א מצוה און ער זוכט מקיים צו זיין די מצוה דאס שענסטע וואס איז נאר שייך, און ער מיינט עס לשם שמים אז די מצוה זאל זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן, איז דער עיקר הידור נישט אינעם חלק הגשמי פון דער מצוה, אז ער האט א שיינעם אתרוג מיט א הערליכן גידול וואס ער קען שטאלצירן דערמיט אין בית המדרש, ווייל **די גאנצע פיזישע מעשה המצוה איז דאך נאר א מיטל אראפצוברענגען דעם אמת'ן אור וואס לייכט אויבן פון דעם מצוה**, און ווען די מצוה ווערט געטון בשלימות אויף א גשמיות'דיגן פארנעם, מיט'ן גרעסטן הידור, שיינט אויף קעגן דעם אויבן אין הימל די רוחניות'דיגע ליכטיגקייט מיט א שלימות, און דאס ברענגט א שפע פון ברכות אויף אלע וועלטן.

## פון וואס ציטערט דער שטן אזוי?

דאס איז וואס די גמרא זאגט (סוכה לז:), אז מיט די נענועים פון די ד' מינים שטעלט מען אפ בייזע רעגנס און ווינטן, און איינער פון די אמוראים האט געזאגט אז שאקלען די ד' מינים איז ווי א פייל אין דעם שטנ'ס אויגן. לכאורה איז דאס א שטיקל וואונדער, ווייל פון ווען אן ווערט א מלאך, א שטיק רוחניות, אזוי איבערראשט פון א שטיקל צווייג וואס א איד שאקלט, און דאס האט נאך א כוח מונע צו זיין אלע סארטן בייזע שטורעמס און רעגנס?

נאר דעם שטנ'ס פחד איז נישט פון די צווייגן בכלל, פון דעם האט טאקע א מלאך נישט צופיל וואס מורא צו האבן. אבער **די ד' מינים זענען א מיטל ארויסצוברענגען דעם געוואלדיגן אור וואס לייכט אויף אויבן אין הימל דורך דער מצוה** וואס די אידן טוען מיט אזא געוואלדיגן הידור דא אונטן, און דאס האט באמת א מעכטיגן כוח אויפצוטון מורא'דיגע זאכן.

אזוי זאגט בפירוש דער זוהר הקדוש אויך אויף דעם שופר וואס מען בלאזט ראש השנה, וואס די גמרא זאגט אז דאס איז 'מערבב את השטן', אז דער שטן ווערט אינגאנצן צעמישט ווען ער הערט דאס קול שופר וואס אידישע קינדער בלאזן. איז דער זוהר הקדוש מסביר אז ווען די אידן בלאזן דא אונטן מיט'ן שופר ווערט נתעורר אויבן אין הימל א רוחניות'דיג קול שופר, וואס קומט נישט פון א הארן פון א שעפסל, ווייל אויבן אין הימל איז דאך נישטא קיין גשמיות, נאר דאס איז א מורא'דיגער אור וואס לייכט אויף, און פון דעם ווערט דער שטן באמת דערשראקן און אלע זיינע טענות ווערן ווי פארשטומט.

ג

# מקיים זיין מצוות בגופו ממש

## מצוות זענען נאר פאר'ן גוף

יעצט קומען מיר אן צום טיפן דערהער: אלע מצוות וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן זענען בכלל נישט געמאכט געווארן פאר אונזער נשמה. ווייל די נשמה, דער חלק אלוקי ממעל, האט דאך גארנישט מיט גשמיות איינגעלייגט, נאר דער עיקר ציל פון די מצוות איז דייקא פאר'ן גוף [זע תוספת נופך אות ב'].

דער באשעפער האט אונז דאך אראפגעשיקט כדי אויפצוהייבן די דיאמאנטן וואס באהאלטן זיך אין דער גשמיות'דיגער וועלט. כדי אז דער גוף זאל ווערן נכנע צום באשעפער און מען זאל עס קענען דערהייבן צום אויבערשטן, איז דא אזא זאך ווי אן אור המצוה, וואס דאס איז געמאכט געווארן צו באהעפטן דעם גשמיות'דיגן גוף צום שורש העליון, און דאס קען נאר געשען אויב מען וועט דאס טון 'אויף זיין שפראך', דאס הייסט מיט גשמיות'דיגע חפצים וואס דער גוף פארשטייט און האט א שייכות דערמיט.

## וויאזוי איז דער גוף משיג דעם אור המצוה?

אויב אזוי איז שוין זייער פארשטענדליך פארוואס מיר זענען טאקע מקיים די מצוות דווקא מיט גשמיות. ווייל דער אמת'ער אור פון קידוש איז אזא הייליגער און ליכטיגער אור, אז בעצם קען דאס נאר האבן א שייכות מיט דער נשמה און דער גוף שפירט דאס נישט. נו, אז דער אור המצוה איז צו דערהייבן דעם גוף, האט מען דאך גארנישט אויפגעטון, ווייל מען וויל דאך אז דער גוף זאל נתקרב ווערן צום אויבערשטן.

**וויאזוי קען דער גוף דאס יא שפירן באפס מה? מיט דעם וואס ער מאכט קידוש אויף א בעכער מיט וויין**, וואס דאס איז מכוון קעגן דעם העכערן אור פון קידוש אויבן אין הימל.

*פון ווען אן ווערט א מלאך, א שטיק רוחניות, אזוי דערשראקן פון א שטיקל צווייג וואס א איד שאקלט?*

יעצט האט דער גוף, ווי נישט ווי, זיך עטוואס באהאפטן צום הייליגן אור פון קידוש.

ווען עס קומט פסח, לייכט אויף אויבן אין הימל אן אויסטערלישער אור פון די ניסים פון יציאת מצרים, אבער דאס איז נאר אויף דער שפראך פון דער נשמה, דער גוף קען דאס נישט פארשטיין, ביי אים איז עס א פשוט'ער טאג ווי אלע טעג. דערפאר האט דער אויבערשטער געגעבן א מצוה צו בראטן א קרבן און עסן דאס פלייש און אפבאקן א מצה און עס עסן אויף אזא און אזא אופן, אז ווען דער גוף וועט דאס טון וועט ער זיך אויך באהעפטן צו דעם הייליגן אור וואס לייכט אויבן אין הימל.

דאס זעלבע איז מיט סוכה, ד' מינים, שופר, ציצית, תפילין און רוב מצוות, וואס די אלע זאכן טוען מיר דייקא מיט גשמיות'דיגע זאכן, וואס דער גוף פארשטייט דערין, ווייל **נאר אזוי וועט דער גוף קענען מיט עפעס זיך אנקלעבן אין דעם הייליגן אור פון דער מצוה וואס לייכט אין אלע וועלטן.** מיט דעם וואס דער גוף לייגט תפילין, צום ביישפיל, צינדט ער אן דעם רוחניות'דיגן אור פון דער מצוה וואס לייכט אין דער נשמה, און דערביי ווערט דער גוף אויך נתקרב צום מקור התענוגים.

## דער ציל פון די מצוות – פאר'ן גוף

דער הייליגער תניא שרייבט (ליקוטי אמרים פרק ל"ח): "**הַנְּשָׁמָה אֵינָהּ צְרִיכָה תִּיקּוּן לְעַצְמָהּ בְּמִצְוֹת, רַק לְהַמְשִׁיךְ אוֹר לְתַקֵּן נֶפֶשׁ הַחִיּוּנִית וְהַגּוּף... בְּמִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁהַנֶּפֶשׁ עוֹשָׂה בִּשְׁאָר אֵבְרֵי הַגּוּף**". דאס הייסט אז די מצוות וואס מיר טוען האבן גארנישט קיין תועלת פאר אונזער נשמה, וואס איז סייווי א שטיק רוחניות, און זי האט גארנישט פון דעם אז מען נעמט א דבר גשמי און מען טוט מיט דעם א מצוה. נאר די מצוות זענען געמאכט געווארן אריינצושיינען א ליכטיגקייט אין דעם גוף דורך די מצוות וואס מיר טוען מיט די אברים פונעם גוף.

אין אנדערע ווערטער, ווען א איד טוט א מצוה ווערט זיין נשמה בכלל נישט דערהויבן. דאס הערט זיך זייער מאדנע, אבער דאס איז דער אמת, ווייל די נשמה **איז אלעמאל דערהויבן**, זי איז דאך א חלק אלוקי ממעל וואס שיינט און לייכט כאור החמה מיט א העכערע שיין. קיינער דארף נישט פארריכטן זיין נשמה אז זי זאל ווערן העכער, ווייל די נשמה איז שטענדיג 'פארראכטן'.

**אונזער תפקיד איז צו פארריכטן דעם גוף.** דער גוף איז א שטיק בלוט און פלייש, וואס איז דערווייטערט פון דעם מקור התענוגים, און אונזער עבודה איז דאס אויפצולייכטן. און **נאר דערפאר האבן מיר באקומען די מצוות, כדי זיי זאלן אויפלייכטן דעם גוף מיט דער הימלישער שיין**. וואס מער מצוות מיר טוען, אלץ מער ווערט אונזער גוף געהייליגט צום אויבערשטן, וואס דאס איז דער תכלית הבריאה, אז א מענטש זאל אויפלייכטן דעם אור אלוקי אין דער נידריגער גשמיות'דיגער וועלט (עי' 'ליקוטי תורה', האזינו ד"ה בעז"ה האזינו השמים).

## א מצוה באהעפט דעם גוף מיט דער נשמה

דאס איז דער תירוץ אויף דער קשיא וואס מיר האבן אנגעהויבן, פארוואס דער גוף איז אזא הויפט מחותן אין אלע מצוות אויב די מצוות זענען דאך געמאכט פאר דער נשמה און נישט פאר'ן גוף. אבער יעצט איז שוין זייער פארשטענדליך, ווייל דאס איז א טעות, און די מצוות זענען יא געמאכט געווארן דירעקט פאר'ן גוף, און נאר פאר'ן גוף.

**ווען דער גוף דריקט דא אונטן אויפ'ן 'קנעפל' וואס הייסט תפילין, לויט וויאזוי ער זעט עס, ווערט אויבן אין הימל באלויכטן א ריזיגער זאַל וואס הייסט תפילין**, וואס דער גוף האט נישט קיין שום השגה דערין, און ער קען דאס נאר אויפלייכטן מיט'ן אריינלייגן די ד' פרשיות אין א שטיקל עור פון א בהמה, וואס די תורה האט געהייסן מאכן אזוי און אזוי, און דאס צינדט אן דעם אור המצוה אויבן.

ווען א איד איז מקיים די מצוה פינקטליך, איז כאילו ווי זיין נשמה באשטעטיגט פאר'ן גוף אז יא, מיר זענען יעצט געווארן ווי איינס. **דו האסט געדריקט אויפ'ן ריכטיגן קנעפל**, און מיט דעם האסטו 'צוגעטראפן' צום ריכטיגן בילד וויאזוי דער אור המצוה קוקט אויס באמת, וואס דאס זעט נאר די נשמה. קומט אויס אז די מצוה האט באהאפטן דעם גוף מיט דער

# תוספת נופך

**א]** זע דאס לשון פון 'בעל עמוד העבודה', המגיד הקדוש מקאסוב זי"ע, אין ספר הקדוש 'יסוד האמונה' (ויכוח השואל ומשיב אות קנ"ד), וזלש"ק:

"שֶׁאוֹר הַמַּקִּיף הָרוּחָנִי הוּא הָעִקָּר וְהַשֹּׁרֶשׁ כִּי אוֹתוֹ אָנוּ מְבַקְּשִׁים וְהַהַקָּפָה הַגַּשְׁמִיִּית הוּא הֶעָנָף הַמִּשְׁתַּלְשֵׁל מִן הָרוּחָנִי, וּשְׁנֵיהֶם מְכֻנִּים בְּשֵׁם הַקָּפָה אֶלָּא שֶׁזֶּהוּ הַקָּפָה גַּשְׁמִית וְזֶה רוּחָנִיּוּת וְהַגַּשְׁמִיּוּת הוּא דֻּגְמָא וּמָבוֹא לַהֲבָנַת עִנְיַן רוּחָנִי. **וְכָל עֲשִׂיּוֹת מִצְוֹת גַּשְׁמִיּוֹת שֶׁלָּנוּ מְעוֹרֶרֶת לְמַעְלָה אוֹר רוּחָנִי דֻּגְמָתָהּ שֶׁאֵין אוֹתוֹ הָרוּחָנִי מֻשָּׂג לָנוּ אִם לֹא ע"י עֲשִׂיָּה הַגַּשְׁמִיִּית שֶׁל הַמִּצְוָה הַגַּשְׁמִיִּית, וְהַמִּצְוָה הַגַּשְׁמִיִּית הוּא מָשָׁל וְדֻגְמָה וּמְבוֹא לַהֲבָנַת שָׁרְשָׁהּ הָעֶלְיוֹן**".

זע אויך דאס הייליגע לשון פונעם רביין רבי אלימלך זי"ע אין ספה"ק 'נועם אלימלך' פרשת בלק ד"ה ויראו (ד"ה ואתם הדבקים), וזלש"ק:

"דְּהִנֵּה אָמְרִינָן וְכִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּק בקב"ה אֶלָּא הַדְּבֵק בְּמִדּוֹתָיו מַה הוּא רַחוּם כו', וְהִנֵּה הָעוֹלָמוֹת נִקְרָאִים מִדּוֹת **וְצָרִיךְ אָדָם לְדַבֵּק עַצְמוֹ ע"י עֲשִׂיּוֹת הַמִּצְוֹת בָּעוֹלָמוֹת, וְאָמְנָם גַּם הָעוֹלָמוֹת הֵם גְּבוֹהִים מֵעַל גָּבוֹהַּ וְאִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּק בָּהֶם כִּי אִם בַּעֲשׂוֹת הַמִּצְוָה בִּשְׁלֵמוּת**".

ווי אויך די מורא'דיגע ווערטער פונעם בעל התניא זי"ע אין 'ליקוטי תורה' (פרשת בחוקותי ד"ה אם בחוקותי), וזלש"ק:

"אֲבָל רְמַ"ח מִצְוֹת עֲשֵׂה הֵן הַנִּקְרָאִים אֵבָרִין דְּמַלְכָּא, כְּמוֹ לְמָשָׁל אֵבֶר הוּא כְּלִי אֲשֶׁר בּוֹ נִמְשָׁךְ חַיּוּת מִמְּקוֹר הַחַיּוּת אֲשֶׁר שׁוֹרֶה בַּמּוֹחַ, כֵּן הוּא כָּאן **כִּי הַמִּצְוָה הִיא כְּלִי לְאוֹרוֹ יִתְבָּרֵךְ הַנִּמְשָׁךְ מִסְּתִימָא דְּכָל סְתִימִין לְמַטָּה לְהַשָּׂגַת הָאָדָם הַשָּׁפֵל וְאוֹרוֹ יִתְבָּרֵךְ הַמְלֻבָּשׁ בָּהּ... וְהוּא כַּוָּנַת הַמִּצְוָה שֶׁהוּא לְהַמְשִׁיךְ אוֹרוֹ יִתְבָּרֵךְ לְמַטָּה ע"י כְּלֵי הַמִּצְוָה** וְהַתּוֹרָה הַלָּלוּ, וְהוּא לְשׁוֹן צַוְתָּא לְשׁוֹן חִבּוּר... וּכְלָל הַכֹּל הוּא אוֹרוֹ יִתְבָּרֵךְ הַנִּקְרָא יַיִן, אֲשֶׁר בְּהִכָּנֵס הַיַּיִן יָצָא הַסּוֹד, **וְהַיַּיִן הוּא הִתְלַהֲבוּת אוֹרוֹ יִתְבָּרֵךְ הַנִּשְׁמָר בְּלִבּוֹ שֶׁל אָדָם ע"י הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה**, יָצָא מֵעַצְמוֹ סוֹד הוּא אַהֲבָה מְסֻתֶּרֶת, אֲשֶׁר תָּבוֹא לִבְחִינַת גִּלּוּי".

(זע אויך בענין זה אין 'בת עין' בחוקותי ד"ה עוד נ"ל; 'אור המאיר' פרשת עקב ד"ה או יאמר והיה עקב; 'צמח ה' לצבי' פרשת דברים ד"ה וקרבת, ועוד רבות.)

**ב]** זע דאס לשון פונעם הייליגן תולדות זי"ע אין ספר הקדוש 'בן פורת יוסף', פרשת תולדות ד"ה ויאמר ה' לה:

"וְצָרִיךְ לוֹמַר, **מִשּׁוּם דְּאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמַדְרֵגַת הָאֱמוּנָה וּדְבֵקוּת בּוֹ יִתְבָּרֵךְ מִצַּד עֲכִירוּת חֹמֶר הַגּוּף הַמְעַכֵּב לְדַבֵּק בִּקְדֻשָּׁה עֶלְיוֹנָה, לְכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרָא תּוּשִׁיָּה** (סנהדרין כו:) **שֶׁמְּתַשֵּׁשׁ כֹּחַ הַחֹמֶר וְנִזְדַּכֵּךְ, גַּם עַל יְדֵי עֲשִׂיּוֹת הַמִּצְוָה בְּכָל אֵבֶר מֵרְמַ"ח אֵיבָרָיו מַמְשִׁיךְ שֶׁפַע רוּחָנִי וּקְדֻשָּׁה מִן שֹׁרֶשׁ הַמִּצְוָה שֶׁהִיא לְמַעְלָה בִּקְדֻשָּׁה עַל אֵבֶר הַהוּא**... וּבָזֶה יוּבַן מִשְׁנָה הַנַּ"ל, ר"ח בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר, ר"ל דְּבָא לְתָרֵץ קוּשְׁיָא הַנַּ"ל, מֵאַחַר שֶׁחֲבַקּוּק הֶעֱמִידָן עַל אַחַת, לָמָּה לִי תַּרְיָ"ג מִצְוֹת, הֲוָא לֵהּ לִכְלֹל בְּאַחַת. וּבָא לְתָרֵץ, **רָצָה הקב"ה לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, ר"ל לְזַכּוֹת וּלְזַכֵּךְ חֹמֶר הַגּוּף שֶׁל יִשְׂרָאֵל שֶׁיּוּכְלוּ לְדַבֵּק בּוֹ יִתְבָּרֵךְ** עַל יְדֵי הָאֱמוּנָה, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וְכָאָמוּר."

(וע"ע בספה"ק קדושת לוי פרשת ויצא עה"פ וילך ראובן.)

> **עס איז דא עפעס העכערס ווי די הנאה פון דער נשמה: צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן מיט'ן גוף, מיט'ן נעמען א גשמיות'דיגן חפץ און אזוי הייליגן דעם גשמיות'דיגן גוף.**

נשמה און די גשמיות האט זיך דערהויבן צום אויבערשטן, וואס פונקט דאס וויל דער אויבערשטער.

## זיך גרייטן צו די מצוות דווקא מיט'ן גוף

צוליב דעם טרעפן מיר אין דער גמרא (שבת קיט.) אויף פארשידענע אמוראים אז כאטש זיי האבן געהאט אסאך משרתים האבן זיי נישט געלאזט זייערע משרתים צוגרייטן די מאכלים אויף שבת, נאר זיי האבן געוואלט אליין עוסק זיין אין דעם. ווי די גמרא זאגט דארט אז רב ספרא האט געבראטן דעם קאפ פון דער בהמה, רבא האט באזאלצן די פיש, רב הונא האט געצונדן די ליכט אא"וו.

**וואס האט זיי אזוי געברענט דאס צו טון אליין?** האט זיי דען געפעלט משרתים וואס זאלן עס טון און זיי זאלן אין דער צייט עוסק זיין אין העכערע הכנות צום שבת קודש?

נאר די הייליגע אמוראים האבן איינגעזען אז די מצוה פון הכנה צום שבת קודש איז אזוי הייליג, אז כדי דער גוף זאל אויך האבן עפעס א חלק פון דעם מורא'דיגן אור מוז ער אויך עפעס טון דערצו. דערפאר האבן זיי אליין געוואלט עוסק זיין אין די הכנות צום שבת קודש, ווי רש"י זאגט (קידושין מא. ד"ה מצוה בו): "דכי עסיק גופו במצוות מקבל שכר טפי" – **עס איז סאך חשוב'ער אז דער גוף באשעפטיגט זיך מיט דער מצוה.** ווייל דער עיקר פון די מצוות איז געמאכט צו הייליגן און צו דערהייבן **דעם גוף** מיט'ן רוחניות'דיגן אור המצוה (תפארת שלמה פרשת ויגש ד"ה ויגידו לו).

## פארוואס צדיקים האבן געפלאמט ביי מצוות

ביי צדיקים האט מען געזען אז זיי האבן מורא'דיג געפלאמט ביי א מצוה, און מען האט געזען ווי עס ברענט אין זיי אן אש להבה אויף אן אויסטערלישן פארנעם, ווייל זיי האבן זיך מתבונן געווען אין דעם געוואלדיגן נחת רוח וואס דער אויבערשטער האט ווען א איד איז מקיים א מצוה. די מצוה איז דאך געמאכט געווארן אויפצוהייבן **דעם גוף** צום אויבערשטן, און איז דער עיקר מטרה פארוואס ער האט באשאפן די וועלט, כדי מען זאל אנטפלעקן זיין געטליכקייט אין דעם נידריגן עולם הגשמי.

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס מען זאגט נאך פון חסידים, אז דער הייליגער בארדיטשובער רב זי"ע האט אינ'אמת'ן געדארפט נסתלק ווערן פאר סוכות, נאר ער האט זיך איינגעבעטן ביים אויבערשטן צו בלייבן לעבן ביז נאך סוכות כדי צו קענען נאכאמאל מקיים זיין די מצוה פון נעמען די ד' מינים און שאקלען לולב און אתרוג, און ער איז טאקע נסתלק געווארן כ"ה תשרי. **וואס האט אים אזוי געברענט צו בלייבן אויף דער וועלט צו שאקלען לולב און אתרוג?** איז דען נישט אויף יענער וועלט אין גן עדן סאך בעסער?

דער תירוץ איז אז אוודאי איז מורא'דיג באַ'טעמ'ט פאר דער נשמה אויבן אין הימל ווען 'צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה', אבער עס איז דא עפעס העכערס ווי דעם: צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן **מיט'ן גוף**, מיט'ן נעמען א גשמיות'דיגן חפץ און אזוי הייליגן דעם גשמיות'דיגן גוף. פאר די הייליגע צדיקים איז ליבערשט געווען זוכה צו זיין נאך איינמאל מקיים צו זיין א מצוה מיט זייער גוף גשמי, ווי צו זיצן און נהנה זיין מזיו השכינה אין גן עדן ('נועם אלימלך', קרח ד"ה א"י ואני; 'תניא' אגרת הקודש סימן א', ועוד רבות).

דאס איז דער פשט פון: **"רצה הקדוש ברוך הוא לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות"** (מכות פ"ג מט"ו). דער אויבערשטער האט געוואלט געבן פאר די אידן בעולם הזה א געלעגנהייט צו דערהייבן **דעם גוף** מיט א העכערער שיין, האט ער זיי געגעבן די תורה און מצוות. ווייל ווען מיר טוען מצוות מיט גשמיות'דיגע זאכן, ווערט אונזער גוף באהאפטן צו דער 'פנימיות אור המצוה', וואס לייכט אויבן מיט א רוחניות'דיגער ליכטיגקייט. אזוי ווערט דער גוף דערהויבן פון נידריגער גשמיות צו טון דעם רצון הבורא, וואס פאר דער מטרה האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט. און ווען מיר טוען אונזער פליכט, באלייכטן מיר אלע עולמות מיט אן אור שאין כדוגמתו.

# חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים
ומושגים בחסידות
שלמדנו במאמר זו

- **רוב מצוות האבן א דירעקטע שייכות מיט'ן גוף, ווי קידוש אויף ווייו, עונג שבת מיט פיש און פלייש, נעמען די ד' מינים, עסן מצה און טרינקען פיר כוסות.**
- די מצוות זענען געשאנקען געווארן דורכ'ן רבונו של עולם כדי דערהייבן דעם גוף און אים באהעפטן צום רוחניות'דיגן אור המצוה וואס לייכט אין אלע וועלטן.
- **די אמת'ע מציאות פון דער מצוה איז דער אור וואס לייכט אין די עולמות עליונים, און אונזערע מצוות דא אונטן זענען א מיטל אויפצולייכטן דעם העכערן אור.**
- יעדע מצוה קומט מיט אסאך פרטים און דקדוקים, ווייל דער ציל איז אנצוצינדן דעם אור המצוה, און דאס דארף געטון ווערן מיט א פינקטליכקייט.
- **אונזער מעשה המצוה איז ווי א קליין קנעפל וואס צינדט אן געוואלדיגע אורות אויבן אין הימל, און שאקלט אלע וועלטן אויף א וועג וואס מיר קענען נישט משיג זיין**
- די נשמה דארף נישט קיין תיקון דורך די מצוות, ווייל עס איז שוין א חלק אלוקי ממעל, נאר דער גוף דארף דערהויבן ווערן.
- **ווען א איד איז מקיים א מצוה ווערט דער גוף צוזאמגעבונדן מיט דער נשמה, און די גשמיות ווערט דערביי דערהויבן און באקומט א שייכות מיט'ן אויבערשטן.**
- דער אויבערשטער האט אונז געגעבן אזויפיל מצוות, כדי מיר זאלן האבן וואס מער געלעגנהייטן צו דערהייבן דעם גוף און אנטפלעקן זיין געטליכקייט אין דער גשמיות'דיגער וועלט.

מכון
שפה
ברורה

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**

פאר הערות והארות, אדער צו באקומען
דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

**ההפצה ב'בארא פארק'**
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ חי' שרה בת יקותיאל ארי' ע"ה